National Library of Israel

מארגן זשורנאל- The Jewish Morning Journal, 08.11.1922, page 7

# הערבערט סעמועל צו גאסט סוכות ביי דיא בוכארער אידען

## ער האלט אינטערעסאנטע רעדע אין וועלכער ער ציטירט לארד ביקאנס-פעלד אז א פאלק וואס פייערט יום טובים לכבוד פעלדער און גערטנער וועט ענדליך האבען דיא פעלדער און דיא גערטנער

(פון אונזער ירושלים קארעספאנדענט **איש יהודי**)

ירושלים, 8 אקטאבער. — וויא עס איז בעוואוסט טיילט אונזער האי־קאמישאנער צו עהרע צו אלע אידישע ירושלים'ר געמיינדעס און קהלות אהן אויסנאהם, און ער קומט יום טוב דאווענען יעדעס מאל אין אן אנדער שול פון אן אנדער אידישער געמיינדע. אין א פאריגען בריעף איז שוין געווען געמעלדעט אז סער־הערבערט האט דעם ערשטען טאג ראש השנה פון האי־יאהר געדאווענט אין דער שוהל פון די ספרדישע אידען אין בית־היתומים הספרדי. יום כפור אין אבענד האט ער געדאווענט אין דער לעמעל שולע, אויף מארגען יום־כפור האט ער געדאווענט אין דער סינאגאגע פון דיא ענגלישע און אמעריקאנישע אידען.

שבת דעם ערשטען טאג סוכות האט אונזער האי־קאמישאנער געדאווענט אין דער שול פון דיא בוכארישע אידען אין דער בוכארישער שטעדטעל "רחובות" אין ירושלים. דיא בוכארער, וועלכע זיינען פשוט'ע פרומע אידען און שטרענג קאנסערוואטיוו, פערעהרען אונזער נציב עליון איבערהויפט צוליעב זיין סימפאטיע פאר דאס ארטאדאקסישע יודענטהום. יעדעס מאל ווען ער קומט צו זיי דאווענען מאכען זיי פאר איהם א גרויסען פאראד.

היינטיגעס מאל איז דער פאראד געווען אן אויסערארדענטליכער. דיא גרויסע בוכארישע שול פון גביר ר' שלמה צזפיאזו איז געווען פרעכטיג פארפוצט אויף דעם פלאר זיינען געווען פארשפרייט טייערע קאסטבארע בוכארישע און אנדערע טעפיכער וואס זיינען נאך פארבליבען פון פאר דער מלחמה ביי די געוועזענע בוכארישע נגידים, וועלכע זיינען איצט לייזער יורדים, צוליעב דער לאגע אין בוכארא און טאקע צוליעב דעם שיקזאל וויא דיא באלשעוויסטישע רוסלאנד. א חופה פון פרוכת'ן און א דעקאראטיווער זיטץ איז געמאכט געווארען פאר דעם האי־קאמישאנער. געבעטען זיינען איינגעלאדען און טייערע געבעטע זעסלען און שטולען פאר פראמינענטע געסט.

דער דאווענען האט אנגעפאנגען אין פינקטליך נאך 8 אין דער פריה. דער האי־קאמישאנער איז געקומען צו פוס פון די הצופים בעגלייטעט פון פאלים אפיסער פינקס מיט איינעם אדיוטאנט. צוזאמען מיט איהם זיינען געווען פרייוואט סעקרעטער מ. נוראק. ווען ער איז אריינגעקומען אין שול, איז ער עמפפאנגען געווארען מיט גרויס כבוד פון אלע מתפללים צווישען וועלכע עס זיינען אויך געווען געלאדענע פון אלע ירושלים'ר געמיינדעס. ער האט פארנומען זיין ארט אונטער דער חופה. רעכטס פון איהם איז געזעסען משיח רבי הגאון קוק, לינקס פון איהם — דער געריכטס סעקרעטער נארמאן בענטוויטש, און נעקסט צו לעצטען דער חכם אברהם אמינאף, דער נשיא פון דער בוכארישער געמיינדע.

צווישען דיא מתפללים זיינען געווען הרב דוועק פון דיא ארם צובא'ר (האלעפא) אידען, דער ראש פון דיא מקובלים, וועלכע זיינען מכוון אין דאווענען ע"פ נוסח האר"י ז"ל און וועמעס ספעציעלע שול איז אין דעם בוכארישען שטעדטעל, און דער דראהאביטשער רבי, אדמו"ר ר' חיים שפירא, מיט זיין זוהן און איידעם, וועלכע זיינען איצט בעזעצט אין ירושלים. פון דיא משכילים זיינען געווען בן־יהודה, יוסף מיוחס, אלמאליח, ש. פארנאפעלד, און נאך אנדערע. דיא בוכארישע שול האט געמאכט זעהר אן איינדרוקסוואלען איינדרוק מיט דיא שעהנע טיפען פון די בוכארישע אידען, געקליידעט אין זייערע בוכארישע בונט־פארביגע קאפטאנעס.

דער דאווענען איז געווען אין געמישטען בוכאריש־ספרדישען נוסח. און איין מאנכע שטעלען אין נשמת, קדושה און נאך אנדערע תפלות, האבען עטליכע ספרדישע חזנים צוזאמען געזונגען פיינע, אריענטאלישע־טערקישע מעלאדיען. מען האט מכבד געווען דעם האי־קאמישאנער מיט פתיחת הארון און ארויסנעמען דיא ספר־התורה'ס מיט דיא רייכע בעלערנע כלי־קודש.

צו קריאת התורה איז הגאון קוק אויפגערופען געווארען כהן. דעם נציב עליון האט מען אויפגערופען צום ספר מיט א ספעציעלע שעהנע צערעמאניע: א פאר ספרדישע חזנים האבען געזונגען ביים אויפרופען א פיוטים עברעאישען פזמון "יחי נציבנו העליון, סער הערבערט שמואל, כימיו ישכן לבטח ישראל!" ער האט געקראגען עלי' שלישי, און האט געלאזט מאכען "מי שבירך" און מען האט געווען א פיינע נדבה פאר דיא בוכארישע ארעמע לייט. וועז דער נציב איז ארויף אין בימה האט ער דער געזאגט "שה"ן" און האט ... מיט קולות "חזק ברוך!" אזוי וויא דער מנהג הספרדים. נאך דעם נציב עליון האט מען אויפגערופען דעם דראהאביטשער רבי, און נאך אנדערע געסט, וועלכע האבען געשנודר'ט נדבות פאר דיא אוקראינער הונגעריגע אידען, און נאך אנדערע צוועקען. דער חזן האט פארגעבעטען תפלת הנותן תשועה פאר'ן ענגלישען קעניג, און א בעזונדערען מי שבירך פאר'ן האי־קאמישאנער.

נאך'ן דאווענען איז דער האי־קאמישאנער מיט דיא רבנים און דריסיג פראמינענטע געסט און בעבע פון דער שול פון דיא בוכארער אין אנדערע פערזענליכקייטען אייגעלאדען אין דיא סוכה פון דעם נשיא פון דיא בוכארער, ר' אברהם אמינאף. דיא סוכה איז געווען געשמאקפאל פארפוצט מיט טייערע טעפעכער. דער סכך פון דער סוכה איז געווען אויסגעפלאכטען מיט שמעקעריגע גרינסען און אלערליי ארץ־ישראל פירות פון די שבעת המינים.

בעסאך דער האי־קאמישאנער איז אריין אין סוכה, האט ער איבערגעבעטען זיין שווארצן ראק און אנגעטאן א בוכארישען שעהנעם פערשיעדענען רויטען זיידענעם קאפטאן מיט א בוכארישע קיי־טיכעל, פערבייג ער... געוויינטליך, מיט זיין בערע פערים. (דעם דאזיגען קאפטאן האבען דיא בוכארער איהם געשענקט אלס מתנה). ער האט זיך געזעצט אויף א פארפוצטען זיטץ איבער'ן טיש אין דער סוכה. איינעם פון דיא השובע געלאדענע ריישע היטעלער, וועלכע זיינען האבען ער גענעמען איבערזעהענדיגע אין דער סוכה.

אלע געלאדענע, צווישען זיי אויך דער דראהאביטשער רבי, זיינען געזעצען ערע ערשטער בייד, שעהן געדעקטע טיש. דער בעל־הבית ר' אברהם אמינאף האט געמאכט קידוש און די אלע פרומע האבען פערזוכט פון טעם פון די מיני מזונות וואס זיינען געווען פון די פון אויף'ן בוכארישען שמיניגע. אין צוויט בוכארישע ... אויף א קידוש אויף פון כלי קודש.

האי קאמישאנער האט זיך אונטערהאלטען זעהר געמיטליך מיט דיא געסט ביים טיש.

דער רייכער חסידיש־ספרדישער ר' נסים נחום האט דערלאנגט דעם האי־קאמישאנער א בעכער אנגעפילט מיט פרישע וואסער וואס איז געבראכט געווארען פון דער אלטער היסטארישער קוועלע גיחון, פון וואנען מען האט דיא לעצטע צייט אנגעפאנגען ברענגען פרישע קוואל וואסער צום טרינקען. דער האי־קאמישאנער האט געטרונקען מיט גרויס צופרידענהייט דיא גיחון וואסער. הגאון קוק האט בעמערקט דערביי, אז עס איז פאראן אן אגדה חז"ל, אז ווען דער גיחון וועט אנהויבען צו געבען ווידער וואסער וועט משיח קומען, און אזוי ווי מען האט דיא לעצטע צייט אנגעהויבען צו ברענגען וואסער פון דארטיגען קוואל קען מען האפען אויף דער גאולה קרובה.

ה"ג קוק האט זיך געשטעלט און געזאגט, אז יעדעס מאל ווען מען קומט זיך צונויף מיט'ן האי־קאמישאנער, איז מען זיך נוהג צו רעדען פאר איהם און ער רעדט אויך זיינע רייד. אויך ביי דער איצטיגער געלעגענהייט וועט ער רייזען מעניגע דיוםא. הג' קוק האט געזאגט, אז דיא מאכענטען וואס מען קומט זיך צונויף מיט'ן האי־קאמישאנער זיינען היסטארישע מאמענטען, און דיא אלע רייד וואס ווערען גערעדט מיט איהם אין אן ענגען קרייז פון געטרעיע לייט ווערען פארוועכענט אזוי ווי זיי וואלטען גערעדט געווארען פאר טויזענדער און צעהן טויזענדער אידען, וועלכע זיינען אזוי גערן צו הערען עטוואס פון'ם האי־קאמישאנער.

הגאון קוק האט ארומגערעדט באריכות דעם ענין פון יום־טוב סוכות, דעם זין און דעם פון דער מצות סוכה, וויא אזוי דיא אלע אידישע ימים־טובים און געבראכט די סוכות זיינען פערבונדען מיט דעם אקלים, מיט דעם בארען און ערד־ארבייט פון ארץ ישראל. און וויא דיא ארבעה מינים לולב אתרוג הדסים און ערבות זיינען א סימבאל פון אידישע איינינקייט און אחדות פון אלע פארטייען און סעקטעס. ער האט ציטירט דעם מאמר פון דער משנה "בני ירושלים היו אוגדים את לולביהם בגמוניות של זהב" (דיא ירושלים'ער אידען פלעגען בינדען זייערע לולבים מיט גאלדענע רינגלעך). דאס אידישע פאלק אין דער אידישער נאציאנאלער היים וועט פערייניגען און פערבונדען ווערען דורך דעם גאלדענעם רינג, דאס איז אונזער נציב עליון וועלכער שטעהט אין דער שפיטץ פון דער אידישער לאנד און פאלק.

הג' קוק האט ממליץ געווען אויף דעם "פסוק" מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה", און דיא גרויסע שוועריגקייטען אין וועלכע אונזער האי־קאמישאנער האט דורכגעגאנגען און דורכפיהרען זיינע גרויסע פאליטישע טהאטען און לייסטונגען פון זיין געביט וועגען לעבען דיא ווארעמקייט און זיין ליעבע און איבערגעבענהייט צו טראדיציאנעלען יודענטהום און האבען ניט פארמעקט זיין אידישע צורה, און דאס בעווייזט אונז זיין זיצטען איצט מיט אונז אין דער אלטער טראדיציאנעלער אידישער סוכה, און זיין אפהיטען די אלע רעליגיעזע מנהגים פון אונזער פאלק.

רבי קוק האט געענדיגט מיט דיא ווערטער, אז מיר זאלען זוכה זיין צוזאמען מיט'ן האי־קאמישאנער צו פראווען שמחת בית השואבה און שעפען מים בששון אין בית המקדש און אין דער היילגער שטאדט ירושלים.

דער האי־קאמישאנער האט געענטפערט מיט זעהר א שעהנע רעדע. ער האט געזאגט:

"אז איך געה אנגעטהאן אין דעם בוכארישען קאפטאן וואס מיינע פריינד דיא בוכארישע אידען האבען מיר געגעבען אלס מתנה, פיהל איך מיך ניט פרעמד צו זיי, און איך רעכען מיך אלס מיטגליעד פון זייער געמיינדע. איהר ווייסט דאס מיין מיינונג איז, או יעדע געמיינדע און סעקטע דארף אויפבעוואהרען איהרע מנהגים און אויך איהרע בעזונדערע קליידונג. און איך ליעב דיא בוכארישע אידען וואס האלטען אויף זייער אלטע ספעציעלע קליידונג, וועלכע שטערט נאריט זייער איינינונג און אחדות מיט אלע אנדערע אידען אין ירושלים.

איך וויל דא איבערדיקען צו מיין פריינד רבי קוק מיין דאנק פאר זיין אין ביים צו די פארייניגען דיא ירושלים'ער אידישע געמיינדעס.

ארומרעדענדיג דעם יום־טוב סוכות, וועלכער איז דער חג האסיף פון דיא פירות און תבואות ארץ ישראל, האט דער האי־קאמישאנער ערמאהנט דאס ווארט פון דער גרויסער אידישער ענגלישער שטאאטסמאן בנימין דיזרעאלי, וואס האט געזאגט, אז א פאלק וואס מאכט דעם בציר און אסיף אלס סימבאל פון זיינע ימים טובים און פייערטאגען, איז ערמאהנט צו טענהן אז א פאלק וועט זיכער צוריקבאקומען די כרמים און פעלדער וואס עס האט אמאל געהאט.

און דאס אידישע פאלק וואס האט אלע זיינע פייערטאגען און נאציאנאלע ימים טובים פערבונדען מיט דעם בציר און אסיף האט דעריבער איצט זוכה צו זיין, אז זיינע טויזענד יעהריגע שטרעבונגען ווערען פערווירקליכט און עס בעקומט צוריק זיינע פעלדער און כרמים אין ארץ ישראל.

דער האי־קאמישאנער האט ערמאהנט דיא וואסער פון קוואל גיחון וואס מען האט איהם געגעבען צו טרינקען און האט געזאגט: "עס נהרות בבל זיינען געוועזען טרויעריג און ערגעטשוועבט און האבען געוויינט, איצט וועלען מיר זוכה זיין צו פראווען שמחת בית השואבה ביים קוואל גיחון אין ירושלים!"

אין אונזער ירושלים סוכה האבען שטיהמיש אפלאדירט דיא ווערטער פון'ם האי־קאמישאנער.

דער פריוואט סעקרעטער פון דעם האי־קאמישאנער מר. נוראק האט איבערגעזעצט דיא רעדע פון ענגליש אין דער העברעאיש.

דער בעל הבית ר' אברהם אמינאף האט בעדאנקט דעם האי־קאמישאנער און האט בעגליקוואונשט איהם און איינגעלאדען זיין עגטורת און פעשטריקייט, וויא עס איז איהם ניט צו שווער צו נעהן אזא ווייטען שטעג פון הר הצופים ביז דער בוכארישער שטעדטעל צו פוס און צו דאווענען צוזאמען מיט זייט גע־ברידער, און האט איהם געוואונשען אריכות ימים ושנים.

נאכהער צו מיטאג האט דער האי־קאמישאנער זיך פערבאשיעדעט פון ר' אברהם אמינאף און פון אלע אנוועזענדע אין דער סוכה. אן ער איז ארויס אויף'ן גאס אין דער בוכארער שטעדטעל, האט זיך פערזאמעלט אין זיין בוכארישען יונגען פארם צו דער טויזענדער אידען. דיא זיינען געשטאנען אין דיא גאסען און האבען בעגריסט און געווארען אנצואונטען איהם א "גוטען יום טוב". די לופט האט געשמעטערט פון אפלאדיסמענטען און קולות "יחי נציבנו העליון!" ער איז דורכגעגאנגען צו דער בוכארישער שטעדטעל און דאס האט נאכגעפארען פובליקום נאך איהם.

אם ערעב פון שטעדטעל האט ער אין הויז פון גבאי פון דער בוכארישער שול אויסגעטהאן זיין בוכארישען קאפטאן און אנגעטהאן זיין שווארצען ראק, און איז אוועקגעגאנגען מיט זיינע בעגלייטער צוריק אהיים אויף'ן הר־הצופים.